**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/2/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף ערשטע טייל פון עדיראַנדעק רעלסן טרעיל

***ערשט-קלאסיגע פארוויילונג געלעגנהייט אין די הארץ פון די עדיראַנדעקס***

***דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפּהיטונג און אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס וועהלן אויס קאנטראקטאר, עקוויפּמענט ווערט צוזאמגענומען פאר ערשטע פון דריי קאנסטרוקציע שטאפלען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף די 'עדיראַנדעק רעלסן טרעיל' (Adirondack Rail Trail), א 34-מייל-לאנגע וועג פאר פארוויילונג פון פאר דרויסנדיגע אוואנטורער – פיסגייער, ביציקליסטן און אנדערע – צווישן טאָפּער לעיק און לעיק פלעסיד. די ערשטע פון דריי קאנסטרוקציע שטאפלען וועט איבערמאכן די געוועזענע רעלסן לענגאויס לעיק פלעסיד-סערענעק לעיק טייל פון די וועג אז עס צו מאכן פאר אן ערשט-קלאסיגע אויסגעפלאסטערטע וועג פאר מענטשן וועלכע גייען הייקינג אדער סקיען צווישן קאונטי גרעניצן, ביציקליסטן און סנאָומאָוביל ליבהאבער.

"ניו יארק איז א היים צו טייל פון די לאנד'ס שענסטע ראיאנען מיט אטעם-פארכאפנדע לאנדשאפט און געוואלדיגע פארוויילונג געלעגנהייטן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די עדיראַנדעק רעלסן טרעיל וועט זיין א הויפט אטראקציע אין איינס פון אונזערע מערסטע פאנאראמישע ראיאנען, און עס וועט ערלויבן איינוואוינער און באזיכער צו האבן די איבערלעבעניש פון די עדיראַנדעק בערג גרינגערהייט, בשעת'ן זיך אויך פארבינדן מיט צאללאזע לאקאלע עקאנאמיעס און קאמיוניטיס."

איינמאל עס וועט זיין פארענדיגט, וועט די עדיראַנדעק רעלסן טרעיל פארבינדן די קאמיוניטיס פון לעיק פלעסיד, סערענעק לעיק און טאָפּער לעיק. די רוט וועט ערלויבן באניצער צו געניסן פון די אייגנארטיגע חן און די איינריכטונגען פון יעדע קאמיוניטי בשעת'ן גיבן צוטריט צו מיילן פון אטעם-פארכאפנדע טרעילס, פילע קעמפּינג פלעצער און פילע וואסער שטרוימען אין די לאנד פרעזערוו לענדער נעבן די אויסגעפלאסטערטע וועג. ערקלערנדע שילדן וועלן העלפן באזיכער צו לערנען איבער די היסטאריע פון די רעלסן, די קולטורן פון די דערנעבנדע קאמיוניטיס און איבער ארומיגע לענדער און וואסערן. די טרעיל איז ערווארטעט צו זיין פארענדיגט אין 2025.

די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפּהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) און די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services, OGS) האבן לעצטנס געשאנקען פאר Kubricky Construction Corp. פון ווילטאן, סאראטאגא קאונטי, די 7.9 מיליאן דאלארדיגע קאנטראקט פאר די ערשטע שטאפּל פון קאנסטרוקציע. די קאנטראקט ווערט פינאנצירט דורך NY Works, מיט נאך $225,000 צוגעשטעלט דורך די

ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע (Environmental Protection Fund) פאר קאנסטרוקציע אויפזיכט און אינספעקציע.

**סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג קאמישאנער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "די עדיראַנדעק רעלסן טרעיל וועט זיין א הויפט דעסטינאציע צו פארבינדן ניו יארקער צו די נאטור און צו צוציהען מער איינוואוינער און באזיכער צו די פילע פארוויילונג געלעגנהייטן אין די ראיאן. די אנהויב פון קאנסטרוקציע איז א באגייסטערנדע עררייכונג אין דאס דורכפירן די רעלסן טרעיל, און מיר קוקן ארויס צו זעהן די אנגייענדע סטעיט, פעדעראלע, ארטיגע שבטים און לאקאלע שותפות'ן וועלכע וועלן מאכן דעם פראיעקט פאר א מציאות."

**אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס קאמישאנער, דזשינעט מאָי, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט האט די OGS ערפאלגרייך געארבעט צוזאמען מיט אונזערע סטעיט און לאקאלע שותפים אויף איניציאטיוון וועלכע שיצן לאקאלע טוריזם און פארבעסערן די ערפארונג פון באזיכער אין ניו יארק סטעיט. די עדיראַנדעק רעלסן טרעיל וועט פארברייטערן דרויסנדיגע פארוויילונג געלעגנהייטן אין איינס פון די מערסטע פאנאראמישע ראיאנען אין די סטעיט, און די OGS מאנשאפט איז באגייסטערט צו זעהן די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף דעם געוואלדיגן פראיעקט."

**סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "די עדיראַנדעק רעלסן טרעיל וועט גיבן פאר באזיכער א פאנאראמישע רייזע אויף די רעלסן, און פאר מענטשן וואס גייען הייקינג און פאר ביציקליסטן וועט עס גיבן אן אומפארגלייכבארע רייזע אריבער טייל פון די הערליכסטע לאנדשאפטן אין ניו יארק. די טראנספארטאציע דעפארטמענט איז שטאלץ צו שפילן א וויכטיגע ראלע אינעם איבערמאכן די געוועזענע רעלסן ליניע צו ווערן א פארוויילונג דעסטינאציע וואס מענטשן וועלן מוזן זעהן און נוצן, פארגרינגערנדיג פאר ניו יארקער און באזיכער אין אונזער סטעיט צו זעהן די שיינקייט פון די עדיראַנדעק בערג."

דער פראיעקט איז טייל פון די DEC'ס סטראטעגישע אינוועסטירונגען דורך די Adventure NY (אוואנטור ניו יארק) איניציאטיוו צו פארבעסערן פובליק צוטריט צו סטעיט שטחים און איינריכטונגען און פארבינדן מענטשן מיט נאטור און מיט די דרויסנדידגע לענדער. די טרעיל איז דעזיינט צו זיין צוגענגליך אויך פאר מענטשן מיט סיי וועלכע דיסאביליטיס צו די מאקסימום וואס איז נאר מעגליך. די מערהייט פון די טרעיל וועט באשטיין פון צוזאמגעקוועטשטע צובראכענע שטיינער. די טרעיל וועט אויסגעפלאסטערט ווערן מיט צעמענט אין די ווילעדזש אָוו סערענעק לעיק און אויף קליינע טיילן פון די טרעיל וועלכע גייען אריבער בריקן.

די ארבעט צו טראנספארמירן די טרעיל האט זיך אנגעהויבן אין אקטאבער 2020 ווען די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation, DOT) האט געארבעט צו צונעמען די גאנצע רעלסן אינפראסטרוקטור פון די טאָפער לעיק ביז לעיק פּלעסיד טיילן פון די וועג. אין מערץ 2022, האבן די [DEC און DOT אנאנסירט](#) דאס אריבערפירן די אויטאריטעט אויפן וועג צו די DEC. דאס אריבערפירונג האט אפגעצייכנט די פארמאלע פארענדיגונג פון די שטאפל פונעם צונעמען די רעלסן און די אנהויב פון די פארמאלע טרעיל דעזיין און קאנסטרוקציע שטאפל. מיט דאס אריבערפירונג פון די אויטאריטעט אויפן פלאץ, האט די DEC גענומען אויף זיך די פארוואלטונג פון פובליק זיכערהייט און פארוויילונג אקטיוויטעטן, און אזוי אויך אויפהאלטונג, לענגאויס די טייל פון די וועג.

די שטאפל פון קאנסטרוקציע וועט זיך אנהויבן אויף Station Street אין לעיק פּלעסיד, עטוואס מערב צו פון די לעיק פּלעסיד דיפּאָו (סטאנציע), און עס וועט זיך ענדיגן עטוואס נאך די סערענעק לעיק דיפּאָו

נעבן די אינטערסעקשען פון Cedar Street און רוט 86. די שטאפל רעכנט אויך אריין קאנסטרוקציע פון א פארקינג לאט אין טאָפּער לעיק און איז ערווארטעט צו אנגיין דורכאויס די קומענדיגע יאר.

צו באשיצן פובליק זיכערהייט איז צוטריט צו די לעיק פלעסיד-סערענעק לעיק טייל פון די וועג אפגעשלאסן געווארן דורכאויס אקטיווע קאנסטרוקציע. די פובליק וועט ערלויבט ווערן אריין אין די וועג דורכאויס די ווינטער חודשים ווען די ארבעט וועט אויפגעהערט ווערן פון דעצעמבער 19. קאנסטרוקציע וועט זיך צוריק אנהויבן אין די פרילינג. די סערענעק לעיק-טאָפּער לעיק טייל פון די טרעיל וועט בלייבן אפן פאר צייטווייליגע פארווייאלונג דורכאויס די ערשטע שטאפל פון קאנסטרוקציע. צוטריט צו פלעצער ארום די עק פון די רעלסן ביי טאָפּער לעיק וועט זיין פארשפארט דורכאויס די קאנסטרוקציע פון די פארקינג לאט.

די OGS וועט פארזעצן צו אויפזעהן די דעזיין און קאנסטרוקציע פון די טרעיל דורכאויס אלע דריי שטאפלען. איינמאל קאנסטרוקציע וועט זיין פארענדיגט וועט די DEC איננעמען די טאג-טעגליכע פארוואלטונג פון די טרעיל, ארבעטנדיג פון די נאענט מיט פארמישטע פארטייען און לאקאלע רעגירונגען. די DEC איז יעצט פאראנטווארטליך אויף די פארוואלטונג פון פובליק זיכערהייט און פארווייאלונג אקטיוויטעטן, און אזוי אויך אלגעמיינע אויפהאלטונג, לענגאויס די לעיק פלעסיד-טאָפּער לעיק טייל פון די רעמסען-לעיק פלעסיד וועג.

**סטעיט סענאטאר דען סטעק האט געזאגט,** "אונזער ראיאן איז באקאנט פאר איר נאטורליכע שיינקייט און פארווייאלונג געלעגנהייטן. די רעלסן טרעיל וועט בלויז פאראויס שטופן די רעפוטאציע, און עס וועט זיין א געוואלדיגע פארמעגן פאר איינוואוינער און באזיכער צוגלייך ווען עס וועט זיין פארענדיגט."

**אסעמבלי מיטגליד מעטיו סימפסאן האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט צו זעהן די ערשט-קלאסיגע איינריכטונג ווערנדיג פארווירקליכט, נישט נאר פאר די איינוואוינער פון די עדיראַנדעק פּארק און די נאָרט קאַנטרי, נאר אויך פאר די צאללאזע באזיכער פון איבעראל וועלכע זענען פארזיכערט צו קומען און האבן די איבערלעבעניש. די שיינקייט פון די עדיראַנדעק פארק איז א זאך וואס מען מוז קומען זעהן צו באוואונדערן און איבערלעבן ערשטהאנטיג. די רעלסן טרעיל וועט ברענגען א געלעגנהייט פאר צאללאזע נייע אוואנטורער וועלכע וואלטן אנדערש נישט באקומען דעם טשאנס דאס צו טוהן."

די לעצטע אינפארמאציע איבער די אומשטענדן אויפן וועג, שטאפלען פון קאנסטרוקציע, אנווייזונגען פאר די פארווייאלונג דערוויל און א מאפע פון פובליק באנוץ זענען פארעפנטליכט אויף די DEC'ס רעמסען-לעיק פלעסיד וועג וועבזייטל. נאך איינצלהייטן איבער די 2020 רעמסען-לעיק פלעסיד וועג יוניט פארוואלטונג פלאן אמענדמענט/צוגעלייגטע ענווייראמענטאלע ווירקונג סטעיטמענט זענען אויך פארעפנטליכט אויף די DEC'ס וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418